**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת כי תצא ג לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, זונטאג פרשת כי תצא, ג' אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן וואך; און א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע, לוסטיגע, און גליקליכע אידישע קינדער. מען הייבט אן די וואך, די ערשטע וואך אין חודש אלול. מיט אשרינו מה טוב חלקנו, ומה נעים גורלנו, ומה יפה ירושתנו. וואויל איז פאר אונז אז מיר זענען בנים למקום, קעניגליכע קינדער. מיר האבן א רייכטום, אן עשירות וואס רופט זיך תורה, וואס רופט זיך עבודה, וואס רופט זיך יראת שמים, און וואס רופט זיך דביקות הבורא. מיר האבן אן עשירות וואס רופט זיך פנים מאירות, אשב"ש - אמונה, שלום, בטחון, ושמחה. מיר האבן אן עשירות פון "ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום".

אבער מיר זענען פיל רייכער פון דעם, פיל מער. וואס איז אונזער רייכטום? **דער גרעסטער רייכטום וואס מיר האבן איז דאס וואס מיר האבן אמונה פשוטה אז הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים. מיר דארפן גארנישט טון, ווייל דער אייבערשטער טוט אלעס פאר אונז.** מיר דארפן נאר זיך פירן מיט די מדה פון הכנעה און שפלות הרוח, און וויסן אז עס איז נישטא קיין "כחי ועצם ידי". איך קען גארנישט, און קיין שום בשר ודם קען גארנישט. מיר געפינען זיך איינגאנצן און בשלימות אונטער דער השגחה פרטית פונעם בורא כל עולמים, פונעם כל יכול, פונעם הייליגן באשעפער, פון אונזער טאטע אין הימל, האל הגדול הגבור והנורא. דאס איז אונזער רייכטום און דאס איז אונזער ישועה. דאס איז אונזער שמחה און אונזער חיזוק, און ממילא איז נישטא קיין פלאץ פאר עצבות, מרה שחורה, בלבול המוח, יאוש אדער זארגן. מיר זענען פארזיכערט, רואיג און פרייליך, און מיר מאכן אנדערע אויך פרייליך. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, חזק חזק חזק.

**די מעשה מיט הגאון רבי חצקל אבראמסקי זצ"ל און די משכילים**

דער גאון וצדיק רבי חצקל אבראמסקי זצ"ל, ווען ער איז געווען רב אין לאנדאן, פלעגט ער איבערגעבן א מוסר שמועס יעדע וואך. צווישן די צוהערער פלעגן אויך קומען די שטודירטע, די משכילים – נעבעך די וואס זענען נישט געווען אזוי ערליך און זענען נישט געגאנגען בדרך המסורה ובדרך ישראל סבא.

איינמאל, פרשת כי תצא, האבן זיי געטראכט אז יעצט וועלן זיי גיין צום שיעור און אויפוויזן פאר רבי חצקל אבראמסקי אז זייער מהלך איז גערעכט. ווען זיי זענען אריינגעקומען צו רבי חצקל אבראמסקי, האבן זיי גזאגט: "רבי, עס שטייט די וואך אין פרשת כי תצא, ביי די פרשה פון יפת תואר, רש"י הקדוש און חז"ל זאגן דעם לשון: 'לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע'. זעט מען דאך אז די תורה הקדושה האט מתיר געווען זאכן ווייל דער הייליגער באשעפער האט פארשטאנען צום יצר הרע; ער האט פארשטאנען אז עס איז דא א געוויסער יצר הרע וואס מען קען זיך נישט מתגבר זיין אויף אים. ממילא," זאגן זיי פאר רבי חצקל אבראמסקי, "דארף דער רבי פארשטיין אז היינט זענען דא גרויסע יצר הרע'ס, שווערע יצר הרע'ס, און דער אייבערשטער פארשטייט און לאזט אז מען זאל נאכלאזן, חלילה וחלילה" – עפרא לפומייהו פארן זאגן אזעלכע שרעקליכע ווערטער. אזוי האבן זיי גזאגט פאר רבי חצקל אבראמסקי.

ווען ר' חצקל אבראמסקי האט אנגעהויבן דעם שיעור, האט ער גזאגט אזוי: פון די וואכעדיגע פרשה זעט מען, אז דער הייליגער באשעפער האט געזען אז ווען אידן וועלן ארויסגיין אין מלחמה און מען וועט זען אן אשת יפת תואר, האט דער אייבערשטער געוואלט אז דאס זאל זיין בדרך היתר און נישט בדרך איסור, ווייל "לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע".

פארוואס זעט מען נישט ערגעץ אנדערש אין די תורה אז די תורה זאל מקיל זיין צוליב דעם טעם פון "לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע"? דאס איז א ראיה אז אלעס וואס שטייט אין אונזער תורה און אין אונזער מסורה – אלעס וואס איז איבערגעגעבן געווארן דורך דור דור פאר אונז אידישע קינדער – דערויף האבן מיר יא די כוחות עס אויסצופירן. ווען נישט, וואלט די תורה דארט אויך אליין אפן און קלאר געגעבן געוויסע היתרים און קולות כדי זיך מתגבר צו זיין אויפן יצר הרע.

פארוואס שטייט עס נאר ביי די פרשה אין די תורה דא ביי די מלחמה, ביי אשת יפת תואר, און נישט ביי קיין אנדערע פרשיות אין די תורה? דאס איז א ראיה אז אלע אנדערע פרשיות התורה, מיט אלע חומרות, הידורים, הלכות, מנהגים און די מסורה, קען מען יא מקיים זיין; דארט דארף מען נישט צוקומען צום היתר פון "לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע".

**די תורה גיט אונז די כוחות צו באזיגן דעם יצר הרע**

הייליגע לעכטיגע קדושה! **א איד דארף אויסשרייען: איך האב די כוחות, איך האב די מוחות, איך האב די כשרונות, איך האב די**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת כי תצא ג לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**טאלאנטן; איך האב אלעס וואס איך דארף כדי צו קענען היטן די גאנצע תורה בלי שום יוצא מן הכלל**. פון וואו האבן מיר די כוחות? פון די תורה הקדושה. דער באשעפער האט עס אונז געגעבן, ער האט עס אריינגעלייגט און אריינגעגראבן אין יעדן איד. **יעדע טראפ בלוט וואס רינט אין א איד, יעדע לחלוחות און פייכטקייט וואס שווימט ארום אין דעם גוף און אין דער נשמה פון א איד, יעדער אבר און יעדער אדער איז אנגעפילט מיט כוחות, מיט מוחות, מיט חכמה, בינה ודעת, און מיט אלע צוגעהערן וואס מ'דארף כדי עס צו קענען מקיים זיין. און דארט וואו מ'קען נישט, האט שוין די תורה אליין דיר געזאגט אז דו קענסט נישט, און די תורה האט דיר געוויזן דעם גרינגערן וועג.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן לעבן מיט די אמונה פשוטה. מיר האבן דעם כח, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן דעם כח; מיר דארפן נאר אויסשרייען "אין עוד מלבדו". ס'איז נישטא קיין שום כח בעולם, קיינער קען גארנישט טון, קיינער קען נישט צונעמען און קיינער קען נישט געבן, קיינער קען נישט באליידיגן און קיינער קען נישט בארואיגן, קיינער קען אונז נישט טרייסטן און קיינער קען אונז נישט טרויעריג מאכן. אלעס, אלעס וואס געשעט אויף דער וועלט איז נאר פונעם הייליגן באשעפער; אלעס טוט דער אייבערשטער.

**די מורא'דיגע מעשה פון רבי דוד בודניק און דער וואלף**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס שטייט די וואך אין די פרשה: "ואתה עייף ויגע ולא ירא אלקים". אז דו ווערסט מיד און אפגעמוטשעט פון דינען דעם אייבערשטן, איז עס א סימן אז דו האסט נישט קיין מורא פונעם אייבערשטן.

רבי יעקב גאלינסקי, דער מגיד מישרים פון ירושלים, האט דערציילט א הפלא'דיגע מעשה. עס איז געווען אן עובד ה' א נובארדיקער מיט'ן נאמען רבי דוד בודניק. דער רבי דוד בודניק איז איינמאל געווען שטארק פארטראכט אין לערנען, פארטיפט אין תורת ה'. ער איז ממש געווען אויסגעטון פון די וועלט, בבחינת התפשטות הגשמיות. אזוי פארטראכטערהייט אין לערנען, איז ער אריינגעגאנגען אין א גרויסן וואלד. ער איז אנגעקומען דארט אין וואלד און שפאצירט אינדערמיט, און ער האט נישט באמערקט ווי א ריזיגער גרויסער כלב - – א הונגעריגער, אן אכזרישער, א רוצחישער ווילדער כלב – קומט אים אנטקעגן.

דער כלב איז אים קעגן געקומען און אים געגעבן א קלאפ אריין, רחמנא ליצלן. ער האט אים צעביסן ביז בלוט איז גערונען פון אים, און ער – דער ר' דוד – האט אוועקגעחלש'ט. ער האט געחלש'ט, און דער כלב האט אים אפגעלאזט.

ווען מען האט אים דארט געטראפן פארחלש'ט און מען האט אים אויפגעוועקט, שפעטער ווען ער איז שוין געווען דערמינטערט, האבן זיי אים געזאגט מוסר: "**דוד, דוד, אזוי האט איר זיך געלערנט אין נאווארדאק? מען חלש'ט פון א כלב'ל? א כלב'ל קען מאכן א מענטש חלש'ן**? עס הערט זיך ווי איינער וואס זאגט אז עס איז דא נאך א פחד אויף די וועלט חוץ דעם פחד פונעם הייליגן באשעפער! פון א בהמה, א חיה, בשר ודם, האסטו געכאפט אזא פחד?" איר הערט דעם מוסר וואס מען האט געזאגט אין נאווארדאק פאר איינעם וואס א כלב'ל האט אים געביסן און כמעט צעריסן? איר הערט וואסערע בעל מדרגה מען רעדט דא?

האט ר' דוד, מיט זיין גאנצער קדושה און טהרה, זיי געזאגט: "טייערע חברים, מיינט איר באמת אז ער האט גע'חלש'ט דערפאר ווייל דער כאף למד ביתי'ל האט זיך איבער אים גענומען און אים געביסן און געשטויסן? בפירוש נישט." נאר וואס דען: "ווען ער האט געזען דעם - כ-ל-ביתי'ל – וואס דאס איז שוין געווען שפעטער ווען ער האט שוין נישט געקענט אוועקגיין (ווייל ער איז געווען פארטיפט אין לערנען) האט ער געזען דעם באפעל פונעם אייבערשטן אין א צורה פון א כ-ל-ביתי'ל. ער האט געזען ווי דער אייבערשטער זאגט פאר דער חיה, פאר דעם טורף, דעם כ-ל-ביתי'ל: 'עס איז דא איינער וואס הייסט דוד בודניק, גיי צו דעם דוד און בייס אים, שטויס אים, און דערשרעק אים.' ממילא האב איך פאר דעם כ-ל-ביתי'ל נישט מורא געהאט, ווייל איך האב געוואוסט אז איך דארף זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן, און איך האב גארנישט מיט דעם כ-ל-ביתי'ל אליין.

אבער ווען איך האב געגעבן א קוק אויף די אנגערייצטע בלוטיגע אויגן, די ציינער, און די גאנצע צורה פון דעם כ-ל-ביתי'ל; מיט וואסארא תשוקה, מיט וואסארא רצון, און מיט וויפיל ענערגיע דער כ-ל-ביתי'ל איז געקומען צולויפן – וואס האט ער דארט געזען? ער האט געזען וויאזוי מען איז מקיים דעם רצון השם! ער האט תיכף אנגעהויבן טראכטן: 'דוד, דו לערנסט אזוי? לייענסט אזוי קריאת שמע? דו דאוונסט מיט אזא ברען? דו לערנסט מיט אזא פלייס? האסטו אזא אהבת השם און אזא יראת השם?' אזוי ווי די ציווילדעוועטע חיה מטורף. און וויבאלד ער האט זיך אריינגעלייגט אין דעם מחשבה און ער האט געפילט אז ער האלט נישט ביי דעם שטאפל, דערפאר האט ער גע'חלש'ט."

**צו דינען דעם באשעפער מיט א תשוקה ווי א חיה מטורף**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן לעבן אויף דער וועלט מיט אן אמת'דיגע ידיעה אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת כי תצא ג לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

אויסער אים; עס זענען נישט דא קיין לייבן, נישט קיין בערן, נישט קיין כ-ל-בית'לעך, און נישט קיין שלענג און עקרבים. עס איז נאר דא א מוצא פי ה', עס איז דא א מנהיג לבירה, א פירער פאר דער וועלט.

**אבער קוקט אן די הפלא'דיגע צמצום המוח פון דעם צדיק רבי דוד בודניק: בשעת עס וואלט זיך געדארפט ווארפן אויף אים פחדים פון דעם הונט וואס קומט צו לויפן מיט אזא ווילדקייט, וואו איז זיין קאפ דעמאלטס געווען? ער האט געהאט אזא ליבשאפט און אזא הכנעה צום אייבערשטן! ער האט געטראכט: "אוי, איך דין נישט דעם אייבערשטן מיט אזא תשוקה, מיט אזא גלוסטעניש און מיט אזעלכע ענערגיע און כוחות, וויאזוי דער הונט גייט יעצט מקיים זיין דעם רצון השם אין מיר, דוד בודניק."**

דאס האט ער געטראכט, דער הייליגער צדיק רבי דוד בודניק זכר צדיק לברכה. איר הערט וואס דא טוט זיך, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? אלע אידן צוגלייך, אזוי דארפן מיר אלע אויסקוקן.

דאס איז א איד! **מיר האבן די כוחות, מיר האבן די מוחות, די חכמה, בינה און דעת, דעם טאלאנט און דעם כשרון**. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האבן עס! ס'איז אריינגעבויט אין אונז, ס'איז אריינגעקראצט אין אונז, אין יעדע ביינדעלע, אין יעדע שטיקל פלייש, אין יעדע טראפ בלוט און אין יעדע לחלוחית; יעדע זאך וואס דרייט זיך נאר אינעווייניג און אינדרויסן פון א איד האט די כוחות. מיר דארפן עס נאר צוזאמנעמען, אפמאכן און בוחר זיין. איך בין בוחר, איך מאך א בחירה: אזוי וויל איך דינען דעם אייבערשטן, פיר און צוואנציג זיבן, בלי שום היסח הדעת.

**די יארצייט און מעשה פון הרה"ק רבי ישעי'לע טשחויבער זצ"ל**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט ג' אלול איז די יארצייט פון הגה"ק רבי יצחק ישעי' בן רבינו הגאון והקדוש רבי חיים, דער בן זקונים פונעם הייליגן צאנזער רב, דער הייליגער ר' ישעי'לע טשחויבער זכותו יגן עלינו, זכר צדיק וקדוש לברכה לחיי העולם הבא. תהא נשמתו צרורה בצרור החיים, ער זאל זיין א מליץ יושר פארן גאנצן כלל ישראל און פאר אלע אידן, אז עס זאל זיין א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט לעכטיג זיס יאר, א גוטע כתיבה וחתימה טובה.

א איד האט דערציילט א מעשה, אז עס איז אמאל געווען א בעקער וואס פלעגט פארקויפן ברויט. אין יענע שטאט האט געוואוינט א רשע'נטע, א גוי'טע, וועלכע האט מוציא שם רע געווען אויף אים אז ער פעלטשט די וואג; זי האט געטענה'ט אז די ברויטן וועגן באמת ווייניגער וויפיל דער איד, דער בעקער, זאגט אז זיי וועגן. פארשטייט זיך אז ער האט גענומען א טייערערע פרייז, וויבאלד ער גייט לויט די וואג, און אזוי ווי עס וועגט לכאורה מער, האט ער גענומען מער געלט; זי האט אבער געשריגן אז זיין וואג איז נישט ריכטיג. זי פלעגט ארומגיין זאגן פאר יעדן אז זי האט געקויפט ביי אים ברויט און עס איבערגעוואויגן, און געזען אז עס פעלט פונעם וואג. די רשע'נטע האט זיך נישט באנוגנט מיט דעם, נאר זי איז אים געגאנגען מסר'ן פאר די רעגירונג. אין יענע צייטן אין פוילן וואלט אזא מעשה געקענט ברענגען א שווערן עונש, מען וואלט געקענט צונעמען דעם געשעפט פונעם בעקער און אים איינזעצן אין תפיסה.

דער זון פונעם בעקער איז געוואויר געווארן אז ר' ישעי'לע גייט אריבערפארן זייער שטאט מיט'ן באן. ער איז אהינגעלאפן און באוויזן צו טרעפן ר' ישעי'לע, און ער האט אים געבעטן ער זאל געבן א ברכה פאר זיין טאטן, ווייל עס איז ממש סכנת נפשות. ר' ישעי'לע האט אים בארואיגט און שיין אנגעוואונטשן אז דער אייבערשטער זאל העלפן, און פונקט די גוי'טע אליין זאל זיין די ישועה.

ס'איז געקומען צום משפט, און די גוי'טע איז געקומען עדות זאגן קעגן דעם בעקער. דער שופט האט אויסגעפרעגט די גוי'טע פונקטליך וואס זי האט פארציילט, און נאכדעם האט ער איר געפרעגט: "איז די ברויט געווען פרישע ברויט אדער אלטע ברויט?" זי איז דאך געווען אזא רשע'נטע, האט זי געוואלט, ווי מען זאגט, צולייגן א קלאגע אויף א קלאגע, האט זי זיך אנגערופן: "אלטע, פארשימלטע ברויט!" האט דער שופט געזאגט: "אזוי? אלטע פארשימלטע ברויט וועגט טאקע פיל ווייניגער ווי פרישע ברויט. יעצט, אזוי ווי דו האסט איינגעקויפט אלטע פארשימלטע ברויט, איז עס געווען איינגעשרימפן און עס וועגט ווייניגער; אבער ווען דאס ברויט אליין איז פריש, וועגט עס פיל מער. קומט אויס אז דער איד איז יא גערעכט." און ער איז ארויס זכאי בדין.

**וממנו יוושע: די ישועה קומט ארויס פון די צרה אליין**

הייליגע לעכטיגע קינדער, **דאס איז געווען די ברכה פון ר' ישעי'לע, אז טאקע פון די רשעות זאל ארויסקומען די ישועה. דאס איז א מוסר השכל, א בארואיגונגס-פיל, א מעדיצין אונז צו בארואיגן. ווען מען זעט א רשעות, גלייב אינעם אייבערשטן. ווען דו זעסט יסורים, גלייב אינעם אייבערשטן. "וממנו יוושע" – פון די צרה אליין קומען אונזערע ישועות.**

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת כי תצא ג לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

מיר האבן נאר ישועות, הייליגע לעכטיגע קידוש'ע קינדער. דער אייבערשטער טוט פאר אונז נאר גוטס, און מיר האבן נאר ישועות, נאר ישועות! שריי עס אויס און חזר עס איבער, לייג עס אריין אין דיין מחשבה, דיבור ומעשה, אין דיין הארץ, אין דיין קאפ, אין דיין מוח און אין דיינע אברים וגידים; יעדער איינער זאל זיך קאכן אין די ווערטער: דער אייבערשטער טוט פאר אונז נאר גוטס. ס'איז געווען גוט, ס'איז גוט, און ס'וועט שטענדיג זיין נאר גוט. פועל'ט אלעס גוטס, זכותו יגן עלינו, כל מיני ישועות און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

***זענט איר איינער וואס העלפט אנדערע אידן זיך בויען אדער שטייגן איז די "מדריכים" שיעורים געמאכט פונקט פאר אייך.***

***מלמדים, טיטשערס און עסקנים זאגן עדות וואסערע שטארקע נוצן זיי האבן ארויסגענומען פון דעם, וויאזוי צו פארשטיין די מענטשן מיט וועם זיי ארבעטן, און זיי צו ברענגען צו א בעסערע פלאץ שנעלער און בעסער. האנדלט אייך איין די "מדריכים" שיעורים היינט דורך רופן אונזער אפיס 845-414-8212, עקסטענשאן 1.***

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211